# דער צווייטער בריוו פון דעם שליח
# פּוילוס צו טימאָטעוסן

1 פּוילוס, אַ שליח פונם משיח ישוע, דורך ג-טס
רצון, לויט דער הבטחה פון דעם לעבן, וואָס
2 איז אינעם משיח ישוע, צו טימאָטעוסן, מיין געליבטן
זון: חסד, רחמים און שלום פון ג-ט דעם פאָטער
און דעם משיח ישוע אונזער האַר.
3 איך דאַנק ג-ט, וועמען איך דין פון מיינע אבות
אָן מיט אַ לויטער געוויסן, אַז אָן אויפהער האָב
איך דיך אין זכרון אין מיינע תפילות, ביינאַכט און
4 ביטאָג. איך בענק דיך צו זען, געדענקענדיק
דיינע טרערן, כדי איך זאָל אָנגעפילט ווערן מיט
5 שמחה, ווען איך דערמאָן מיך אין דיין אויפריכ-
טיקער אמונה, וואָס האָט קודם כל געוווינט אין
דיין עלטערמוטער לוידאַ און אין דיין מוטער
עוניקע, און האָב מיך איבערצייגט, אַז אויך
6 אין דיר. צוליב דער סבה דערמאָן איך דיך, אַז דו
זאָלסט ווידער אונטערפאַכן (ביז צו אַ פלאַם) די
7 מתנה, פון ג-ט, וועלכע איז אין דיר דורך דער
סמיכה פון מיינע הענט; וואָרום ג-ט האָט אונדז
8 נישט געגעבן קיין גייסט פון פחד, נאָר פון גבורה
און ליבע און ריינעם פאַרשטאַנד. דעריבער זאָלסטו
דיך נישט שעמען מיט דעם עדות-זאָגן פון
אונזער האַר, און אויך נישט מיט מיר, זיין געפאַנ-
גענעם; נאָר דערטראָג די ליידן פאַר דער גוטער
9 בשורה לויט דער קראַפט פון ג-ט, וועלכער האָט
אונדז געראַטעוועט און גערופן מיט אַ הייליקן רוף,
נישט לויט אונזערע מעשים, נאָר לויט זיין אייגענער